# פרשת מקץ

## בס"ד. שיחת יום ד', כ"ה כסליו, אור לב' דחנוכה ה'תשמ"א
## לתלמידי כתות הראשונות דהישיבות
## ולתלמידי של"ה – שיחיו, "צבאות השם"
## – בבית הכנסת, אחרי תפילת מנחה והדלקת נ"ח –

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. אַזוי ווי מיר געפינען זיך אין חנוכה טעג, און אין אָנהויבס פון חנוכה, וואס ווי מ'זאגט אין "על הניסים" דערמאנט דאס "על הניסים ועל התשועות", וואס זיי זיינען פארבונדן אויך מיט אַ מלחמה[1] וואס האבן דעמאלט געפירט די "צבאות השם[2]" – יעדער איד און אַלע אידן – אַנטקעגן די וואס זיינען "עוזבי תורתך", וואס דאס נעמט זיך פון דעם יצר הרע,

זיינען זיי געווען די, וואס ניט רעכענענדיק מיט חשבונות, וואס עס זיינען געווען "מעטים" אַנטקעגן די אומות העולם, און "חלשים" – איז פונדעסטוועגן זיינען זיי אַריין אין צבאות השם, און האבן געפירט די מלחמה, און האבן געהאט דעם גרויסן נצחון ביז "להודות[3] ולהלל לשמך הגדול",

אַז דער נצחון האט געבראכט דעם קידוש, די הייליגקייט, פון דעם אויבערשטען'ס גרויסן נאמען, אין אַזא אופן אַז עס איז דערנאך פאראייביקט געווארן אין אַלע דורות, ביז וואנענט – ווי דער לשון איז – "הנרות הללו אין בטלין לעולם[4]", אַז דער געדענקען און דערמאנען און טאן מעשים לויט די אָנווייזונגען פון דעם נצחון פון צבאות השם אין דער מלחמה, אַנטקעגן דעם יצר, וואס ער וויל "להשכיח תורתך" אַז מ'זאל חס ושלום פארגעסן אויף דער תורה, "ולהעבירם מחוקי רצונך" און אָפגעשוואכט ווערן אין מקיים זיין אירע מצוות,

איז יעדער יאר אַז עס קומען די טעג, פרישט מען אָפ דעם זכרון ווי ס'האט דעמאלט פאסירט "בימים ההם בזמן הזה", מיט דער זיכערקייט[5] אַז דער וואס "עשׂה ניסים לאַבותינו בימים ההם בזמן הזה[6]", – דער אויבערשטער וואס ער האט דעמאלט באוויזן ניסים, און ס'איז געווען אַ נצחון גדול, ניט קוקנדיק וואס אידן

1) להעיר דבכו"כ נוסחאות אומרים גם "ועל המלחמות".

2) בא יב, מא.

3) נוסח "ועל הנסים" דחנוכה.

4) תנחומא בהעלותך ה. במדב"ר פט"ו, ו – ע"פ רמב"ן ר"פ בהעלותך.

5) ראה שיחת יום ד' כ"ח תשרי תשמ"א ס"ו (לקו"ש חכ"ד בהוספות).

6) נוסח ברכת הדלקת נרות חנוכה.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מקץ

זיינען געווען וויניק אַנטקעגן מלכות יון, אַנטקעגן די וואס זיי האבן געוואלט – ווי דערמאנט פריער – ניט צולאזן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות ווי עס דארף צו זיין,

דערמאנט מען דאס אין אַן אופן אַז דאס זאל דורכנעמען און געבן נאכמער כח די צבאות השם פון יעדער דור, און פון אונזער דור, און פון היינטיקען יאר פון תשמ"א, אַז זיי זאלן אַריינגיין אין דער מלחמה אַנטקעגן דעם יצר מיט דער פולער זיכערקייט, אַז זיי וועלן האבן אַ גרויסן נצחון אין אַן אופן וואס "עשׂה ניסים" אַ ניסים׳דיקע נצחון, ביז אין אַן אופן פון להודות ולהלל לשמך הגדול, אַז דורך זיי וועט נאך צוקומען אין דעם קידוש פון שם שמים, פון "שמך הגדול" - פון דעם אויבערשטן, און וועט צוקומען אין אַן אופן אַז "אינם בטלים לעולם", אַז עס וועט בלייבן אַן אייביקער אָנדענקונג און זכרון פון דעם נצחון פון צבאות השם, פון אונזער דור, אין דעם ענין אין וועלכען ס׳ווערט איצטער אָנגעפירט די מלחמה,

וואס דער ציל פון אונזער צייט איז, איז ווי איר האט ערשט-אָט מכריז געווען[7] און מודיע געווען, און מיט אַ קול גדול[8]: **ווי וואנט משיח נאו**, אַז מיר ווילן אַז משיח זאל קומען תיכף ומיד, וואס דאס איז די ספעציעלע אויפגאבע פון אונזער דור און פון אונזערע יארן, און פון דעם יאר בפרט – אַראפברענגען משיח׳ן נאו תיכף ומיד,

און מען זאגט אין קלארע ווערטער את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח אַז גאר אין גיכן זאל אויפגעשפראצט ווערן און אַנטפלעקט ווערן און אין אַן אופן פון מהרה, אין גיכן, צמח דוד עבדך וואס דאס גייט דאך אויף משיח׳ן ווי די גמרא זאגט אַז "צמח שמו[9]",

און מ׳זאגט נאכמערער: אַז "לישועתך" וואס דורך אין דערויף באשטייט די ישועה ווי מ׳זאגט "וקרנו תרום בישועתך", האפט מען און מ׳בעט אויף דער ישועה, "לישועתך קוינו כל היום" דעם גאנצען טאג האפט ער און בעט און האפט אַז דער אויבערשטער וועט נאכגעבן זיין תפילה אַז ס׳זאל זיין "מהרה תצמיח",

און ער אונטערשטרייכט נאך, אַז דאס איז כל היום, אַז אַפילו ווען ער האט געדאווענט אין שמונה עשׂרה תפילת שחרית, און האט דעמאלט אויך געבעטן "מהרה תצמיח", און איצטער איז געקומען אין דעם

---

7) אחרי אמירת הי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל.

8) ראה קונטרס ומעין מאמר יא.

9) ירושלמי ברכות פ"ב ה"ד.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מקץ

זעלבן טאג אין דער צייט פון תפילת מנחה, און משיח איז נאך ניט געקומען – איז "קוינו כל היום" האפט ער אויך צו דער צייט פון מנחה, אַז ער וועט קומען אין אַן אופן פון מהרה, נאו, און דערמיט איז די תפלה זיינע אַ תפלה שלימה, ווי די כנסת הגדולה האט דאס מתקן געווען,

און אויב חס ושלום דער "מהרה" פארהאלט זיך נאך עטלעכע שעה, איז "לישועתך קוינו כל היום" פארלאנגט ער דאס נאך אַמאל צו תפילת ערבית,

אַף על פי וואס מ'דאוונט דאך מערניט ווי דריי מאל אַ טאג, און אַ טאג האט דאך אַ סך שעות, איז דאס מערניט וואס ער זאגט ניט די ווערטער דעם גאנצן טאג, אָבער די האפענונג זיינע אַז משיח וועט קומען נאו, איז יעדער איד וואס דאוונט, און וואס שטייט פאר דעם אויבערשטן און רעדט מיט עם באמת, פארלאנגט ער אַז זאל זיין משיח זאל קומען אין אַן אופן פון מהרה, און פארלאנגט דאס פון דעם אויבערשטן אין אַן אופן פון כל היום.

—— • ——



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.